# ירושלם באלאגערט

## בית היתומים דיסקין באמבארדירט

אין חודש ניסן פון יאהר תש"ח, האט זיך די מלחמה ארום ירושלם צופלאקערט אמשטארקסטען. ירושלם איז אפגעשניטען געווארען פון יעדער קאמיוניקיישאן, דער בית היתומים וויא דער גאנצער ארומיגער געגענד אין מערב ירושלם איז באמבארדירט געווארען פון שווערע און לייכטע קאנאנען, שווערע פאגאזען האבען געטראפען דעם בילדינג פון אנשטאלט, אדאנק גאט האבען זיי נאר געשאדעט די שטיינער פון דעם פעסטען בילדינג. די קינדער זענען אינעווייניג גוט געשיצט געווען, אין יעדען הינזיכט.

**אין דער צייט וואס אין ירושלם האט מען באקומען ברויט און וואסער אויפ'ן וואג האבען די יתומים באקומען טעגליך זייער נויטיגען געברויך און שפייז אהנע באגרענצונג וואס עס האט אונז געלונגען ב"ה אנצוגרייטען און באזארגען.**